# לעקסיקאָן

## פון יידישן טעאַטער

מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט
פון זלמן זילבערצווייג (צילבערצווייג)
ביי דער נאָנטסטער מיטאַרבעט
פון יעקב מעסטעל.

ערשטער באַנד.

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער
יידישער אַקטאָרן-יוניאָן אין אַמעריקע.

פאַרלאַג „אַלישבע“

ליב קאָדיסאַן | 1931 | ניו-יאָרק

# דזשייקאָבס, דזשייקאָב

[יעקב יאַקובאָוויטש]



געב. 2 יאַנ. 1890 אין ריסק, אונגאַרן. פאָטער — אַ פּאָסעסאָר. געלערנט אין חדרים און אין אַ שול.

אין 1904 געקומען קיין אמעריקע, געאַרבעט אין אַ סאָדאַ־פאַבריק, ארומגעטראָגן סאָדאַ־וואַסער, שפּעטער געאַרבעט אין אַ בלעך־פאַבריק, און צום סוף זיך געלערנט שניידעריי.

אין 1907 טרעט ד. אַריין אַלס כאָריסט אין אַ וואָדעוויל-טעאַטער, און זונטאָג, ווען עס איז די וואָדעוויל-טעאַטער פאַרווערט צו שפּילן, זינגט ער אַליין קופּלעטן.

אין 1908 אַנגאַזשירט אים אַגעד אַלס וואָדעוויל־אַקטיאָר, שפּעטער טרעט ער אַריין אין וואָדעוויל צו ליליענן.

אין 1911 טרעט ד. אויף צום ערשטן מאָל אין אַ פּיעסע: אַלס „זלמן" אין קאָברינס „יאַנקעל בוילע" אין טעאַטער אָדעאָן.

אין 1912 נעמט ער איבער די דירעקציע פון ליריק-טעאַטער אין בראָנזוויל, און דערנאָך בשותפות מיט נייטאַן גאָלדבערג דאָס לע-נאָקס-טעאַטער אין האַרלעם, 1926-30 איז ער מיט-דירעקטאָר פון ניישאָנאַל-טעאַטער. 1927-8 איז ד. אויך געווען מיט-דירעקטאָר אין פּראָספּעקט-טעאַטער אין בראָנקס.

אין די אַלע טעאַטערס איז ד. אויך טעטיק אַלס אַקטיאָר.

ד. פאַרפאַסט אויך קופּלעטן מיט אייגענער מוזיק.

ד. איז פאַרהייראַט צו בעטי דזשייקאָבס, טאָכטער פון פאַר-שטאָרבענעם יידישן טעאַטער-דירעקטאָר טרייטלער.

אמפּלואַ — כאַראַקטער-קאָמיקער.

מ. ע.

א. פרומקין — צופיעל טעאַטערס די הויפּט צרה, ערקלערען גאָלדבערג און דזשייקאָבס, „מאָ"זש", 2 דעצ., 1927.